מאָסקווע, דעם 21טן דעצעמבער 1990

ליבער דוד,

איך האָב באַקומען דײַן בריוו מיט דעם פּיבל, אַ גרויסן דאַנק. דײַן פֿאָרשלאָג צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַנסקי איז אינטערעסאַנט. מיר דאַכט זיך נאָר, אַז אויב שוין צו שרײַבן וועגן אים, דאַרף מען באַטראַכטן אַלע זײַטן פֿון זײַן טעטיקייט - ליטעראַטור, פּאָליטיק, קולטור און וויסנשאַפֿט. פֿאַר מיר איז ער אינטערעסאַנט דווקא אינעם זײַן עטנאָ-טעטיקייט. אין יענעם קאָנקרעטן שטח האָט ער געמאַכט געוויסע שוואַכקייטן, אָבער אין אַלגעמיין איז ער געווען, פֿאַרשטייט זיך, אַן אוניקאַלע פּערזענלעכקייט. אין זײַן ליטעראַטור-ירושה איז ווײַטער וויכטיק די ~~ייִדיש~~ טאָפּלטע נאַטור אירע: רוסיש און ייִדיש, און זײַן ביסטו צווישנטל: אַף ווי ס׳איז ער ייִדיש געווען אַ גוטער שרײַבער. נאָר דער קאָנטעקסט פֿון אַזאַ דיסערטאַציע דאַרף זײַן דער סאַמע ברייטער, אַזוי ווי אַנסקי אַליין איז געווען. אַזאַ אַרבעט קען מען מאַכן נאָר מיט הילף פֿון די רוסישע, די אוקראַיִנישע אַרכיוון און ביבליאָטעקן. אַגב, מע האָט מיר דערציילט, אַז דאָ אין מאָסקווע געפֿינט זיך אַ טייל פֿון זײַן ליטעראַרישן אַרכיוו אין רוסיש. קורץ געזאָגט, איך בין מסכּים.

וואָס שייך דײַן באַק אין רוסיש, לו איך האָב נאָך ניט באַוויזן עס אינטערעסירן, ... יע באַוויזן אינפֿאָרמאַציע. דו ווייסט מסתּמא, אַז דאָרט שטייט געשריבן, אַז דו ביסט געבוירן געוואָרן אין ווילנע און נאָך אַנדערע זאַכן. די אינפֿאָרמאַציע איז ניט פֿון די סאַמע בעסטע. צומאָל דאַרף מען, כּדי צו באַגרײַפֿן, פּרובירן ~~...~~ איבערצופּאַסן, וואָס ס׳איז געשריבן אויף ענגליש. הקיצור, עס באַשטעטיקט מײַנע השערות וועגן דעם ניוואָ פֿון דער רוסישער ליטעראַטור אין ישׂראל. איך ווייס נאָך ניט, אין וועלכן זשורנאַל וועל איך אָפּדרוקן די רעצענזיע, וואָרן BEK איז, דאַכט זיך, שוין אויס: די רעדאַקטאָרן זײַנען עולה איינער נאָך אַנדערן, און די, וועלכע בלײַבן, זײַנען ניט בכּוח האַלטן דעם פֿאַרטראַכטן נוסח, און עס ווערט אַ געוויינטלעכער ריגער זשורנאַל, וועלכן ס׳איז כּמעט אוממעגלעך צו קריגן ערגעץ מחוץ לעטלאַנד.

אפֿשר וועל איך אָנשרײַבן אין "יונגוואַלד" (אויף רוסיש), און אפֿשר וועל מיר אָנהייבן אַרויסגעבן אַ רוסיש-ייִדישן זשורנאַל דאָ, אין מאָסקווע. מיר איז שוין אײַנגעפֿאַלן נאָמען ... צו אַרבעטן מיט ווערטעלעך(?), און מײַנע חבֿרים אויך. דער "נײַער" טייל פֿון דער רעדאַקציע פֿון "סאָוועטיש היימלאַנד" וויל אַוועקגיין און מאַכן אַן אייגענעם

טשורקעס. איצט איז אונדז נאך געוואקסן מבלבל, און כל זמן איך בין דא, וועל איך זיך דארט
באטייליקן.

איך שיק דיר איבער איין ביכל "יונגוואלד". מע קען זיי אלע ניט איבערשיקן בבת אחת,
ווייל דאס איז א קורירער-פאסט פון דער פירמע, און דער געווינט פון א פעקל טאר ניט
זיין קיין גרויסער. נאר בהדרגה איך וועל דיר איבערשיקן זיי אלע. אגב, אין אקטאבער-נומער
האב איך אנגעשריבן א רעצענזיע אויף "ווערטוויקס", (ס'איז שוין ארויס), און אין
פעברואר-נומער וועט זיין אפגעדרוקט מיינע רעצענזיע אויף רות וויס' בוך און
אויף בנימין ~~ה~~ הרושאווסקי'ס אנטאלאגיע.

דערווייל זיינען מיר דא אין אונדזער צושטאנד, וואס העלפט בעסער צו פארשטיין דיינע געדאנקען
וועגן מורכן, שואה און אנדערע גראנדיעזע דערשיינונגען. ברוך השם, ס'קומט פאר דערווייל גארנישט,
נאר די שטימונג איז זייער געדריקט. עס איז שוין קלאר געווארן, אז אלץ קען זיין נאר ערגער, און
קיינער ווייס ניט, אויף וויפל. די ידיעות וועגן דער לאגע פון עולים חדשים אין ישראל זיינען אויך ניט
קיינע פריילעכע. די סאמע מאגנע זאך פאר מיר איז, אז וואס מער מיר האבן געקענט דא (עבריתּ, קולטור,
תורה און א.ז.וו.), אלץ ערגער פילט מען זיך דארטן אין הויז, אז אפשר אין יאנואר וועל איך פארן
קיין ישראל אויף א פאר וואכן און א קוק טאן מיט מיינע אייגענע אויגן.
אין אונדזער מצב איז די מעגלעכקייט צו פארווילן א פאר יאר אין אמעריקע פאר מיר ווי א חלום.

אגב, איך האב איבערגעלייענט אין COMMENTARY דיינע פאלעמיק מיט בערל חוסיד,
און אפילו אנגעשריבן נאך א בריוו אין דער רעדאקציע. אין תוך גענומען, איז ער ניט קיין שלעכטער
מענטש, און מע דארף פשוט פארשטיין זיינע מענטאליטעט. מע קען ניט איבערמאכן אלטע יידישע
קאמוניסטן, נאר זיי זיינען אויך א טייל פון דער יידישער קולטור. אבער איצט, דאכט זיך מיר,
אייער סיכסוך איז שוין פאראלטערט. קאמוניזם איז שוין אויס (לכל הפחות דא, אפשר
ניט אין אמעריקע), און וואס וועט זיין נאך דעם - דאס איז א קשיא!

גיב איבער א גרוס שיינען און לייבושן, און א גוט יום-טוב חנוכה!

דיין מישע קרוטיקאוו.